


# פאמיליע פלאנירונג איז פאר אייך

**אייער צייט. אייער אויסוואל.**

# פאמיליע פלאנירונג און קאנפידענציעלע געשלעכטליכע העלט סערוויסעס

## FAQs פאר ניו יארק צענערלינגען אונטער 18

איר קענט מעגליך איינער וועלכע האט באקומען הילף ווען זיי האבן געמיינט אז זיי האבן געהאט א געשלעכטליכע אריבערגעפירטע אינפעקציע (Sexually Transmitted Infection, STI) - אדער ווען זיי זענען געווען שוואנגערדיג. זיי האבן מעגליך באזוכט איינע פון ניו יארק סטעיט'ס פילע פאמיליע פלאנירונג פראגראם (Family Planning Program) קליניקס. מיר שטעלן צו פאמיליע פלאנירונג און פילע אנדערע סערוויסעס.

פאמיליע פלאנירונג איז מער פון אייער ריפראדאקטיוו העלט - אדער פלאנירן צו האבן א פאמיליע. עס איז אויך וועגן אייער געשלעכטליכע געזונטהייט. אויב איר דארפט קאנפידענציעלע אנווייזונג, קענען מיר העלפן.

אונזערע סערוויסעס רעכענען אריין:

- **געבורט קאנטראל**
- **אומזיסטע קאנדאמס**
- **שוואנגערשאפט אונטערזוכונג**
- **רעגלמעסיגע וואוילזיין אונטערזוכונגען**
- **אונטערזוכונג און באהאנדלונג פאר געשלעכטליכע אריבערגעפירטע אינפעקציעס, אדער STI'ס**



## 1. וויאזוי קען איך באקומען קאנפידענציעלע אנווייזונג?

באזוכט א פאמיליע פלאנירונג פראגראם אפיס אדער נוצט טעלע-העלט. טעלע-העלט לאזט אייך זען אייער העלט קעיר פראוויידער אן דארפן גיין צו זייער אפיס. פילע ניו יארק סטעיט פאמיליע פלאנירונג אפיסעס שטעלן צו דעם אויסוואל. ווען איר רופט א קליניק, פרעגט אויב טעלע-העלט איז אוועילעבל פאר די סערוויס וואס איר זוכט. אין א טעלע-העלט אפוינטמענט, טרעפט איר זיך איבער די טעלעפאן אדער קאמפיוטער, און איר קענט נוצן ווידיאו.

**געפונט א פאמיליע פלאנירונג פראגראם נעבן אייך אויף health.ny.gov/familyplanning אדער סקענ'ט די QR קאוד:**

## 2. קען איך באקומען די סערוויסעס אויב איך האב נישט העלט אינשורענס? זענען דא סיי וועלכע פראגראמען מיר צו העלפן באצאלן?

איר דארפט נישט אינשורענס צו באקומען ניו יארק סטעיט פאמיליע פלאנירונג סערוויסעס. סערוויסעס זענען אומזיסט אדער קאסטן ביליג באזירט אויף אייער איינקונפט. איר קענט אויך רעדן מיט אייער לאקאלע פראוויידער איבער אינשורענס דעקונג אויסוואלן. דאס רעכנט אריין די פאמיליע פלאנירונג בענעפיט פראגראם (Family Planning Benefit Program). עס שטעלט צו דעקונג פאר פילע פאמיליע פלאנירונג סערוויסעס.

## 3. וויאזוי קען דער פראגראם שטיצן מיין געזונטהייט?

דער פראגראם איז דא אייך צו שטיצן און צו דן זיין. מיר שטעלן צו קלוגע, קאנפידענציעלע, נייטראלע ראט אויף אלעס וואס האט צו טון מיט געשלעכטליכע און ריפראדאקטיוו העלט. קליניקס שטעלן צו ריפראדאקטיוו העלט ראט אויסגעשטעלט צו אייער פערזענליכע געברויכן. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער זארגן, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע פאמיליע פלאנירונג קליניק פאר אנווייזונג.

## 4. וועלכע געבורט קאנטראל אויסוואלן זענען אוועילעבל פאר צענערלינגען?

מיר שטעלן צו פילע מיטלען, אריינגערעכנט:

- די פעטש
- קאנדאמס
- די געבורט קאנטראל פיל
- וואדזשינעל רינגל
- עמערדזשענסי קאנטראסעפשאן, באקאנט אלץ "די צופרי-נאכדעם פיל"
- אינטרע-יוטערין געציג (Intrauterine device, IUD)

## 5. ווערן מיינע באזוכן און אינפארמאציע געהאלטן געהיים פון מיינע עלטערן אדער גארדיענס?

אין ניו יארק סטעיט, דארפן צענערלינגען אונטער 18 נישט קיין ערלויבעניש פון עלטערן אדער א גארדיען צו באקומען שוואנגערשאפט טעסטס, געבורט קאנטראל, STI אונטערזוכונג, און אנדערע פאמיליע פלאנירונג און געשלעכטליכע און ריפראדאקטיוו העלט סערוויסעס. דער קליניק וועט אייביג רעקאמענדירן אז איר זאלט רעדן מיט אן ערוואקסענער וועמען איר געטרויט, אבער דאס איז אייער אויסוואל.

אייער אינפארמאציע וועט געהאלטן ווערן אין געהיים סיידן איר ווילט אריינמישן אן אנדערע מענטש, ווי עלטערן, א גארדיען, שותף, אדער אנדערע ערוואקסענער וועמען איר געטרויט - אדער, אויב דער פראוויידער איז באזארגט פאר אייער זיכערהייט אדער וואוילזיין. אויב איר האט העלט אינשורענס דורך אייער עלטערן אדער גארדיען, אבער איר ווילט דאס נישט נוצן פאר פריוואטקייט סיבות, רעדט זיך דורך מיט די קליניק איינגעשטעלטע. זיי קענען אייך זאגן וויאזוי צו באקומען פאמיליע פלאנירונג סערוויסעס אליין - און וויאזוי צו האלטן אייער באזוך אין געהיים.

## 6. קען איך באקומען געבורט קאנטראל אן די צושטימונג פון מיינע עלטערן?

יא, מענטשן אונטער 18 קענען באקומען געבורט קאנטראל אן די צושטימונג פון זייערע עלטערן אין ניו יארק סטעיט. דאס איז אויך ריכטיג פאר סיי וועלכע פאמיליע פלאנירונג קליניק וועלכע ערהאלט פעדעראלע טיטל X פאמיליע פלאנירונג פינאנצירונג.

## 7. וואס דארף איך טון אויב איך קלער אז איך האב א געשלעכטליכע אריבערגעפירטע אינפעקציע (STI)?

מאכט אן אפוינטמענט פאר קאנפידענציעלע STI אונטערזוכונג ביי א ניו יארק סטעיט פאמיליע פלאנירונג קליניק. אויב עס איז נישט דא א קליניק נעבן אייך, קענט איר באקומען הילף פון געשלעכטליכע און ריפראדאקטיוו העלט קעיר סערוויסעס (Sexual and Reproductive Health Care Services). די סערוויסעס קען מען טרעפן אין די ניו יארק סטעיט געשלעכטליכע העלט קעיר פראוויידער דירעקטאָרי (NYS Sexual Health Care Provider Directory) בלאט אויף providerdirectory.aidsinstituteny.org און אין ניו יארק סיטי אויף nyc.gov/site/doh/health/health-topics/sexual-health.page.

## 8. וועלכע סארט STI סערוויסעס שטעלט איר צו?

איר קענט ווערן אונטערזוכט פאר א פולקאמע רייע פון STI's ביי א פאמיליע פלאנירונג פראגראם קליניק. פראוויידערס קענען רעדן מיט אייך וועגן פארמיידונג און באשיצונג אויסוואלן, ווי קאנדאמס און HIV PrEP, אדער איידער-אויסגעשטעלטקייט פראפילעקסיס (pre-exposure prophylaxis). דאס איז א מעדיצין וועלכע קען פארמיידן HIV ווען עס ווערט גענומען רעגלמעסיג. זיי קענען אויך רעדן צו אייך וועגן HIV PEP, אדער נאך-אויסגעשטעלטקייט פראפילעקסיס (post-exposure prophylaxis). דאס איז מעדיצין וועלכע קען פארמיידן HIV ווען גענומען אינערהאלב 72 שעה פון אויסגעשטעלטקייט.

איר קענט אויך בעטן די קליניק איינגעשטעלטע וועגן דאקסיסיקלין נאך-אויסגעשטעלטקייט פראפילעקסיס (Doxycycline Post-Exposure Prophylaxis, Doxy-PEP) און פארשנעלערטע שותף באהאנדלונג (Expedited Partner Treatment, EPT).

- DoxyPEP איז א וועג צו פרא-אקטיוו פארמיידן פון באקומען אן STI. מען דארף נעמען אן איינצעלנע, 200 mg דאזע פון אן אנטיביאטיק גערופן דאקסיסיקלין (docxycycline) 72 שעה נאכ'ן האבן געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם. דאס וועט פארמינערן די ריזיקע פון באקומען באקטעריעל STI's, ווי קלעמידיע, גאנאריע, און סיפיליס.
- EPT ערלויבט העלט קעיר פראוויידערס צו געבן מעדיצין אדער א פרעסקריפשאן צו פאציענטן דיאגנאזירט מיט קלעמידיע, גאנאריע, און/אדער טריקאמאניעסיס צו געבן פאר זייערע געשלעכטליכע שותפים. אויף דעם אופן קענען שותפים אויך ווערן באהאנדלט, אן דארפן אן אונטערזוכונג.

## 9. וויאזוי וועל איך אויס די ריכטיגע געבורט קאנטראל מיטל פאר מיר?

א פאמיליע פלאנירונג פראגראם פראוויידער קען אייך העלפן אויסוועלן. זיי וועלן דורכגיין מיט אייך וויאזוי צו נוצן יעדע סארט געבורט קאנטראל, וועלכע מיטלען ארבעטן די בעסטע, און מעגליכע זייטיגע ווירקונגען. צום גוטן מזל, טוען דאס אונזערע פראוויידערס יעדן טאג מיט מענטשן פונקט ווי אייך. זיי וועלן זיין זייער אפן ביים רעדן מיט אייך איבער אייערע אויסוואלן.

## 10. איז עמערדזשענסי קאנטרעסעפשאן אוועילעבל ביי פאמיליע פלאנירונג פראגראם קליניקס?

עמערדזשענסי קאנטרעסעפשאן, אפט מאל גערופן "די צופרי-נאכדעם פיל," איז אויך אוועילעבל ביי קליניקס און פילע אפטייק געשעפטן. אויב איר רעאגירט שנעל, קענט איר נאך פארמיידן שוואנגערשאפט אפילו אויב איר האט געהאט געשלעכטליכע באציאונגען אן געבורט קאנטראל, אייער געבורט קאנטראל מיטל האט נישט געארבעט, אדער איר זענט געווארן געשלעכטליך איבערגעפאלן. עמערדזשענסי קאנטרעסעפשאן איז א מיטל פון געבורט קאנטראל וועלכע קען ווערן גענוצט 3 ביז 5 טעג נאך געשלעכטליכע באציאונגען. רופט אייער לאקאלע פאמיליע פלאנירונג קליניק אדורכצורעדן אייער אויסוואלן.

## 11. וויאזוי קען איך רעדן צו מיין שותף(ים) וועגן פארזיכערטע געשלעכטליכע באציאונגען און קאנטרעסעפשאן?

רעדט מיט אייער שותף(ים) וועגן וועלכע מעטאדן ארבעטן פארביידע פון אייך. עס איז וויכטיג צו א געזונטע געשלעכטליכע לעבן אז איר זאלט קאמיוניקירן אויפריכטיגערהייט און אפנערהייט מיט אייער שותף כדי איר ביידע זאלן פארשטיין איינע דעם אנדערן'ס געברויכן. מיר ווייסן אז עס קען זיין שווער צו רעדן וועגן געשלעכטליכע באציאונגען. אויב איר דארפט הילף אדער איר האט זארגן וועגן אייער געשלעכטליכע געזונט, זענען קאונסעלינג סערוויסעס אוועילעבל ביי ניו יארק סטעיט פאמיליע פלאנירונג פראגראם קליניקס.

## 12. וואס זאל איך טון אויב איך האב זארגן איבער מיין זיכערהייט?

אויב איר שפירט זיך נישט פארזיכערט, איז וויכטיג אז איר זאלט זוכן קעיר אדער ראט. איר קענט אויך אויסוועלן צו באקומען קעיר פון אייער פאמיליע פלאנירונג פראגראם קליניק אדער אנדערע פריימערי קעיר פראוויידער.

אויב איר זענט געווען א קרבן פון געשלעכטליכע אביוז אדער איבערפאל, זענען דא הילפסמיטלען אוועילעבל. פאר מער אינפארמאציע, רופט די ניו יארק סטעיט געשלעכטליכע & דאמעסטישע געוואלדטאטן האטליין (NYS Sexual & Domestic Violence Hotline) אויף 1-800-942-6906 אדער, טעקסט זיי אויף: 1-844-997-2121.

**די ניו יארק סטעיט פאמיליע פלאנירונג פראגראם ווערט געשטיצט דורך די פעדעראלע טיטל X פראגראם (Title X Program). אינהאלט טוט נישט דווקא פארטרעטן די אפיציעלע מיינונגען פון די פאראייניגטע שטאטן רעגירונג.**

**פאר מער אינפארמאציע, גייט צו opa.hhs.gov**

NEW YORK STATE | Department of Health